ויצא תשפ"ה
גליון 216

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינְדֶער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַיין קְלֵיין שְׁטִיקְל

אין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר וויאַזוֹי יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּארְג דָארְט וואו עֶס גֵייט גֶעבּוֹיט וֶוערְן דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער פְּלַאץ פוּנֶעם אֶבֶן שְׁתִיָּה. ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אוֹיפְן פָּסוּק וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ. דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ וויאַזוֹי עֶס וֶועט אוֹיסקוּקְן אִין גָלוּת, אַז דֶער עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה און דאַוֶונֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וֶועט זַיין זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל און רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן און בַּאנֵייעֶן צוּ דַאוֶונֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם? זָאגְט ר' נָתָן אַז נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶער נָאר דֶער סָמֶךְ מֵם אַלֵיין. ווען אַ אִידִישׁ קִינְד שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶונֶען פַאדְרֵייט עֶר דִי קָאפּ מִיט אַלֶע מִינֵי דִּמְיוֹנוֹת. פוּן דֶעם גֶעשֶׁעט אַז אַסַאךְ

קִינְדֶער און בָּחוּרִים זֶענֶען זִיךְ מְיַיאֵשׁ צוּ דַאוֶונֶען בְּכַוָּונָה, און דַאוֶונֶען נָאר מִיט דִי מוֹיל, אָן כַּוָּונַת הַלֵּב. ווייל זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אַנְטְקֶעגְן דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִין קָאפּ ווִי נָאר מֶען עֶפְּנְט דֶעם סִדּוּר.

דֶערִיבֶּער אִיז יַעֲקֹב אָבִינוּ אַרַיין אִין אַ שְׁלָאף 'בַּמָּקוֹם הַהוּא' דָאס מֵיינְט מֶען דִי 'הַיינְטִיגֶע גָלוּת' דִי פַארְשְׁלָאפֶענֶע דַאוֶונֶען. הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי עֵצָה דֶערוֹיף אִיז נָאר צוּ נוּצְן זַיין מִדָּה וָואס אִיז "אֱמֶת". אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען מִיט אֱמֶת. דַאוֶונֶען פוּן אָנְהֵייבּ סִדּוּר פַאמֶעלִיךְ צוּשְׁטַאטְלִיךְ, און זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיין קִינְד דַאוְונְט מִיט אַן אֱמֶת.

נָאךְ אַן עֵצָה שְׁרַייבְּט דֶער רֶבִּי אִין דִי תּוֹרָה, אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אַיין קְלֵיין שְׁטִיקְל פוּנֶעם דַאוֶונֶען, און דָארְט אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ דַאוֶונֶען מִיט כַּוָּונָה, און נָאכְדֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען נָאךְ אַ שְׁטִיקֶעלֶע, ווייל פוּן אָנְהֵייבּ אִיז שְׁוֶוער צוּ אוּנְזִין הָאבְּן דָאס גַאנְצֶע דַאוֶונֶען, אָבֶּער אַבִּיסֶעלֶע קֶען מֶען יָא דַאוֶונֶען מִיט כַּוָּונָה.

דֶערִיבֶּער 'וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה' "סֻלָּם" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "קוֹל" דִי בְּחִינָה פוּן 'קוֹל קוֹל יַעֲקֹב' דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ דַיינֶע וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען לִיגְט אִין דֶער עֶרְד אִין זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע פְּלַאץ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אֱמֶת מֵאֶרֶץ תִּצְמָח, מִיט דֶעם אַלֶעם,

המשך אויף קומענדיגע זייט

# דער רייַנער קוואַל

”וְראשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמַיְמָה“, גְלַייך וֶוען מֶען
רֶעדְט מִיט אֱמֶת, הֵייבְּט אָן וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן
מְ'קוּמְט אָן בִּיזְן הִימְל, דָאס הֵייסְט דִי תְּפִלָּה
דֶערְגְרַייכְט גָאר גָאר הוֹיךְ אוֹיף אַזוֹי וַוייט
אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים אוּן אַלֶע אוֹיבֶּערְשְׁטֶע
עוֹלָמוֹת קֶענֶען אַרוֹיף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער
דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת (ליקוטי הלכות חנוכה ו').

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז טַאקֶע הֶעלְפְן מִיר
זָאלְן זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן אָנְהֵייבְּן
דַאוֶוענֶען מִיט
אַ פְרִישְׁקֵייט אוּן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, בִּיז מֶען
וֶועט זוֹכֶה זִיךְ צוּ קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן
לַייטֶער הֶעכֶער אוּן

הֶעכֶער, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַאלְט חַס וְשָׁלוֹם
אַרָאפּ פוּנֶעם לַייטֶער זָאל מֶען זִיךְ דְרַאפֶּענֶען
אוּן נָאכְאַמָאל

אַרוֹיפְגֵיין. אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן דֶערְגְרֵייכְן
דֶעם שַׁעַר הַשָּׁמַיִם, אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי גְאוּלָה
שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.

# וואס איז דער תכלית



וֶוען ר' נָתָן אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט
עֶר שׁוֹין גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם טָאג וָואס מֶען גֵייט
אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט. וַוייל ר' נָתָן פְּלֶעגְט גֵיין
דַאוֶוענֶען מִיט זַיין זֵיידְן ר' יִצְחָק דַאנְצִיג ז"ל, דֶער
זֵיידֶע פְּלֶעגְט זִיצְן אוֹיבְן אָן בַּיים מִזְרָח טִישׁ, דָארְט
פְּלֶעגְן זִיצְן אַלֶע עֶלְטֶערֶע אִידְן, אוּן פְלֶעגְן הֲנָאָה
הָאבְּן פוּן ר' נָתָן אוּן זִיךְ טְשַׁאטְשְׁקֶען מִיט אִים.
אֵיין מָאל וֶוען ר' נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט עֶר
בַּאמֶערְקְט אַז אֵיין אַלְטֶער אִיד אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען
אִין שׁוּל. ”זֵיידִי וואוּ אִיז דֶער אַלְטֶער אִיד וָואס
פְלֶעגְט דָא זִיצְן“ פְרֶעגְט ר' נָתָן פוּן זַיין זֵיידֶע ר'
יִצְחָק? עֶנְטְפֶערְט אִים זַיין זֵיידֶע: ”דֶער אַלְטֶער
אִיד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, עֶר אִיז אַ מֵת“ ”וָואס
מֵיינְט שְׁטַארְבְּן?“ פְרֶעגְט דֶער קְלֵיינֶער נָתַלֶ'ע?
הָאט אִים זַיין זֵיידֶע מַסְבִּיר גֶעוֶוען וָואס סְ'מֵיינְט!
שְׁטֶעלְט נָתַלֶ'ע נָאךְ אַ פְרַאגֶע: אוּן וָואס טוּט מֶען

מִיט אַ מֵת? עֶנְטְפֶערְט דֶער זֵיידֶע: "מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד אוּן מֶען בַּאדֶעקְט אִים מִיט זַאמְד".

דֶער קְלֵיינֶער נָתָל'ע הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן... זַיין קָאפּ וֶוערְט אִים פִּיל מִיט קַשְׁיוֹת, פַארְוָואס קוּמְט מֶען אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט? פוּן יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן וָואס טוּ אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. בִּיז צוּם סוֹף נָאכְן זַיין אַזוֹי נָאנְט צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוּן עֶר הָאט בַּיי זֵיי אוֹיךְ גֶעזוּכְט נָאךְ אוּן נָאךְ אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט וִויאַזוֹי מֶען גֵייט אַרִיבֶּער דִי וֶועלְט, מֶען זָאל קֶענֶען דֶערְגְרֵייכְן דֶעם תַּכְלִית.

ר' נָתָן אִיז גֶעוָוארְן אַן אֵיידֶעם בַּיי דֶעם גְרוֹיסְן ר' נָתָן צְבִי, וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער רַב, עֶר אִיז גֶעוֶוען רַב אוֹיף אַכְצִיג שְׁטֶעט.

וֶוען דֶער ר' דָּוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל, אִיז זַיין טַאטֶע נִפְטַר גֶעוָוארְן, זַיין מַאמֶע הָאט זֵייעֶר גֶעקְלָאגְט: "וָואס וֶועט זַיין מִיט דֶעם קְלֵיינֶעם דָּוִד צְבִי, וֶוער וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים? וֶוער וֶועט לֶערְנֶען מִיט אִים? אִין יֶענֶע צֵייטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חֵדֶר וואו אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען פָארְט מִיט אַ בָּאס אִין חֵדֶר אַרַיין, יֶעדֶער טַאטֶע הָאט גֶעדִינְגֶען אַ מְלַמֵּד פַאר זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, אָבֶער נֶעבֶעךְ אַזַא יָתוֹם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים דִינְגֶען אַ רֶבִּי וֶועלְכֶער זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים.

וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען אִינְמִיטְן שִׁבְעָה, אִיז דֶער טַאטֶע פוּן ר' דָּוִד צְבִי גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַאמֶע אוּן גֶעזָאגְט: "דַארְפְּסְט נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט! אִיךְ וֶועל קוּמֶען יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִיט אוּנְזֶער קְלֵיינֶעם דָּוִד צְבִי!". אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג אִיז דֶער טַאטֶע גֶעקוּמֶען פוּן גַּן עֵדֶן לֶערְנֶען מִיט דֶעם קְלֵיינֶעם צַדִּיק דָּוִד צְבִי. אַכְט יָאר אִין אֵיין צִי אִיז עֶר גֶעקוּמֶען פוּן גַּן עֵדֶן לֶערְנֶען, בִּיז וֶוען אִין אֵיין טָאג הָאט דֶער קְלֵיינֶער דָּוִד צְבִי אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר אַפָּאר מֶענְטְשְׁן אַז זַיין טַאטֶע לֶערְנְט מִיט אִים יֶעדְן טָאג, אִיז זַיין טַאטֶע שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען.




המשך פון די לעצטע זייט

אֵיינְמָאל אוּן נָאכְמָאל. לֶעזֶער הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי דָאזִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען ווִי פַּיינְט פוּן אַ מִלְחָמָה וֶועלְכֶע לָאזְן נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן שְׁטֶערְן דִי וֶועג.

אָבֶער אַז מֶען גֵייט אָן מִיטְן דַאוֶוענֶען, מֶען פְּרוּבִּירְט אִינְזִינֶען הָאבְּן אוּן נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן דִי חֶבְרָה, דָאס אַלֵיין בַּאזִיגְט זֵיי צוּבִּיסְלֶעךְ אוּן שְׁוַואכְט זֵיי אָפּ. אֲפִילוּ עֶס קוּמְט צוּמָאל אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת אוּן שְׁטֶערְט אוּן מִישְׁט, אִיז דָאס אַזוֹי ווִי מֶען גֵייט צְווִישְׁן דִי רוֹצְחִים אָן פַּחַד אִין אַזַא צַייט שְׁנַייד מֶען זֵיי אָפּ הֶענְט אָדֶער פִיס אוּן מֶען שְׁטוּפְּט זֵיי אַוֶועק.

# לעובדא ולמעשה

## עובדות פון הרה״ח
## רבי שמעון שפירא זצ״ל

### גמילות חסדים

מִיט וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן...?

דָאס אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען ר׳ שִׁמְעוֹנְ׳ס הוֹיפְּט דְאָגָה. וִוי קֶען עֶר אַ טוֹבָה טוּן אַ אִיד. מִיט וָואס קֶען עֶר יֶענֶעם דֶערְפְרֵייעֶן, פַארְגְרִינְגֶערְן.

אַ אִיד הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר ר׳ שִׁמְעוֹן, אַז אַזוֹי וִוי שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען, זֶעצְן זִיךְ אַלֶע אַרוּם דִי גְרֵייטֶע טִישְׁן צוּ קִדּוּשׁ אוּן מֶען עֶסְט קוּגְל לְכָבוֹד שַׁבָּת בְּעֵת מֶען לֶערְנְט פָאר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אָבֶער פַאר דֶעם אִים אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער אוֹיפְ׳ן מָאגְן צוּ עֶסְן קוּגְל סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי פְרִיעֶ שָׁעוֹת.

וִוי נָאר ר׳ שִׁמְעוֹן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אוֹיעֶרְן אוּן מִיט זַיין תְּמִימוּת פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶס בַּאדֶערְט פַאר דֶעם אִיד, אַז עֶר וִויל מִיטְהַאלְטְן דִי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אָבֶער עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ זִיצְן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע מוֹיל וֶוען אַלֶע מִתְפַּלְלִים אַרוּם זֶענֶען טוֹעֵם פוּנֶעם קוּגְל.

צֶען יָאר אִין אֵיין צִי, וֶוען דֶער צִבּוּר



הָאט גֶעהַאלְטְן נָאכְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי, פְלֶעגְט ר׳ שִׁמְעוֹן צוּבְּרֶענְגֶען אַ פַארְמַאכְטֶע זֶעקְל מִיט אַ הֵיימִישֶׁע קוּכְן, אַז דֶער אִיד זָאל אוֹיךְ קֶענֶען טוֹעֵם זַיין אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן לְכָבוֹד שַׁבָּת. דָאס הָאט עֶר אִינְזִין גֶעהַאט יֶעדְן שַׁבָּת, יָארְן לַאנְג, אַבִּי צוּ קֶענֶען דֶערְפְרַייעֶן אַ אִידִישׁ הַארְץ.

דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּתִים וֶוען פַאר ר׳ שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען אוּמְמֶעגְלִיךְ אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ זָאל צוּטְרָאגְן דִי מְזוֹנוֹת פַאר דֶעם אִיד וָואס דַארְף עֶס אַזוֹי בֵּייטִיג. אַזַא סָארְט הַארְץ, אַזַא גֶעפִיל הָאט ר׳ שִׁמְעוֹן גֶעהַאט צוּ דֶערְפְרֵייעֶן אַ אִיד, צוּ עֶרְפִילְן דִי בַּאגֶערְן פוּן יֶעדְן אִיד, אִים צוּהֶעלְפְן אוּן לַייכְטֶער מַאכְן.

## אַ קְלֵיין קִינְד אִינְזִין גֶעהַאט.

ס'גֶעוֶועז אֵיינְמָאל (אֵיינֶע פוּן דִי פִּילֶע מָאלְן) נָאךְ אַ בְּרִית וֶוען ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעטֵיילְט 'לֶעקֶעך'. דֶער טָאץ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט אוּן ר' שִׁמְעוֹן בַּאמֶערְקְט וִוי עֶפֶּעס אַ קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זוּכְט נָאךְ עֶפֶּעס שִׁירַיִם פוּן לֵיידִיגְן טַאץ.

ר' שִׁמְעוֹן וֶועט אִים נִישְׁט זָאגְן, "אִינְגֶעלֶע, וָואס ווילְסְטוּ? מָארְגְן וֶועט זַיין נָאךְ מְזוֹנוֹת... גֵיי בֶּעט פוּן דַיין מַאמֶע..."

ניין. עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל זוּכְן נָאךְ עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקֶל מְזוֹנוֹת צוּ דֶערְפְרֵייעֶן דֶעם קִינְד. עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ אַפִּירְגֶעקְרַאצְט עֶפֶּעס אוּן גֶעגֶעבְּן פַארְן אִינְגְל זַיין בַּאגֶער, אַ לֶקַחְ'ל...

## הֵיילִיגֶע אוֹיגְן

וָואס פַארַא רֵיינְקֵייט... וָואס פַארַא קְדוּשָׁה הָאבְּן דִי אוֹיגְן פוּן ר' שִׁמְעוֹן פַארְמָאגְט...

אַן אַלְטֶע אִידְעֶנֶע אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל צוּ אַ בְּרִית. אוּמְוויסְנְד אִיז זִי בְּטָעוּת אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ וֶועלְכֶע פִירְן אַרוֹיף דִי מֶענֶער צוּם כּוֹלֵל. ר' שִׁמְעוֹן הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט אִיר גֶעוִויזְן אַז דָא גֵייעֶן נָאר מֶענֶער, דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן פוּן דִי אַנְדֶערֶע טְרֶעפּ. דִי פְרוֹי אִיז טַאקֶע אַרִיבֶּער צוּ דֶער אַנְדֶערֶע זַייט.

ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַרַיין אִין כּוֹלֵל אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט זַיין קָאפּ צְווִישְׁן דִי סְפָרִים בַּיי דִי בְּרֵייטֶע שַׁאפֶּעס אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ בִּיטֶערֶע גֶעוֵויין, זִיךְ צֶעגָאסְן מִיט טְרֶערְן אוֹיף דֶעם אִינְצִידֶענְט.

## אוֹיף וֶועמֶעְנְס אַחֲרָיוּת?

זַייעֶנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר אוֹיף דֶעם וָואס עֶר קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען בְּצִבּוּר.

"וָואס וֶועט זַיין מִיט מִנְיָן? וָואס וֶועט זַיין?!" הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט. "אִין קְרַאנְקְן בֶּעט לִיגְט מֶען אַזוֹי אַלֵיין אָן קַיין מִנְיָן, מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען וִוי דֶער הֲלָכָה פַארְלַאנְגְט!"

אֵיינֶער הָאט דָארְט אַ זָאג גֶעגֶעבְּן, "וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם? מֶען בְּרֶענְגְט אַפָּאר אִינְגֶעלַייט מִיט אַ טֶעקְסִי אוּן מִיר הָאבְּן מִנְיָן..."

"אוֹי, נֵיין." ר' שִׁמְעוֹן הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען. "אַ שְׁפִּיטָאל אִיז אַן אָרְט וואוּ עֶס דְרַייעֶן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן נִישְׁט וִוי דִי תּוֹרָה אוּן הֲלָכָה פַארְלַאנְגְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי אַחֲרָיוּת אוֹיף זֵייעֶר שְׁמִירַת עֵינַיִם.."

ווי אײנער זאָגט, איך בין נישט מסוגל דאָס צו נעמען אויף מיר.

## מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם

יאָרן לאַנג האָט מען געקענט באַמערקן ווי ר' שמעון גייט אַרום אין שול פאַרנומען מיט זײַנע מצוות ווי, ענטפערן אָמן, מסדר זײַן די ספרים און פּלוצלונג זעצט ער זיך אַראָפּ און גלײַך דערנאָך שטעלט ער זיך אויף.



אין אָנהייב איז עס געווען אינטערעסאַנט פאַר די אַרומיגע, אויב ווײַל ער שטיין פאַרוואָס זעצט ער זיך? אויב שטיין פאַרוואָס זיך זעצן? מיט די צייט איז קלאָר געוואָרן אַז יעדעס מאָל ווען אַ איד וועלכער איז עלטער געווען פון אים, קומט אַרײַן אין שול, זעצט ער זיך גלײַך אַראָפּ אַז ער זאָל שוין קענען מקיים זײַן דעם 'מפּני שיבה תקום'!

## צְדָקָה מִיט הַאֶרְץ

צווישן די געסעלעך פון ירושלים האָט מען געקענט באַמערקן ווי ר' שמעון גייט איינמאָל אין טאָג, דאָס איז געווענליך אויסגעקוקומען פאַרטאָגס אויפן וועג צום מקוה, ווען ער איז פאַרבײַ די געגאַנגען פולע פושקעס וועלכע שטייען אויסגעשטעלט צווישן די געסעלעך, און ער וואַרפט אַרײַן אַ שקל-צוויי פון זײַנע טאַשן וואָס ער האָט געזאַרגט אָנצופילן פאַר ער איז אַרויס פון שטוב.

# דער רבי האָט געזאָגט:

# "מײַנע לײַט וועט מען נישט נאַר'ן, זיי האָבן פאַרזוכט די 'אונגערישע ווײַן'"!

| | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ח | ג | י | ג | ה | א | ש | ע | ח | ו | ל | י | נ | ע | ר | כ | ג |
| מ | ג | י | ל | ה | ב | ב | ר | כ | ו | ת | ש | ר | י | א | י | ס |
| א | ב | מ | מ | ע | ה | ב | י | ש | מ | ע | ש | י | ה | ט | ו | ס |
| ת | ב | נ | כ | י | נ | ת | א | ב | מ | י | פ | ז | י | כ | ע | ש |
| ו | א | ח | ו | ר | ש | ש | ו | ב | מ | פ | ח | נ | ה | נ | ש | י |
| ר | מ | ו | ת | ו | ה | ת | ה | ע | ת | ו | ס | ב | א | ה | ה | ו |
| ו | צ | ת | נ | ב | ש | ו | ו | י | ו | ר | ת | ח | ז | צ | ו | מ |
| כ | י | א | ט | י | א | ב | ר | ל | ע | ב | א | ש | י | ק | מ | א |
| ב | ע | מ | ק | נ | ר | ו | י | נ | מ | מ | ש | ב | ה | מ | ת | מ |
| נ | ה | ק | ד | ח | ל | ת | ו | ה | ר | ז | ה | ד | ו | ב | ע | י |
| ת | ר | א | ע | י | ר | כ | ת | פ | נ | ד | ר | י | מ | צ | ק | ל |
| ב | מ | ב | ו | ס | נ | ה | ד | ר | י | נ | ג | מ | נ | ד | ה | ק |
| ש | ה | ב | מ | ק | י | ד | ו | ש | י | נ | ת | ע | נ | י | ת | ש |

זוך אויף די נעמען פון אלע מסכתות, קענסט עס טרעפן ארויף, אראפ, רעכטס, לינקס און שיף

ברכות
שבת
עירובין
פסחים
שקלים
ראש השנה
יומא
סוכה
ביצה
תענית

מגילה
מועד קטן
חגיגה
יבמות
כתובות
נדרים
נזיר
סוטה
גיטין
קידושין

בבא קמא
בבא מציעא
בבא בתרא
סנהדרין
מכות
שבועות
עבודה זרה
הוריות
זבחים
מנחות

חולין
בכורות
ערכ'(ערכין)
תמו'(תמורה)
כרי'(כריתות)
מעי'(מעילה)
נדה

## איר אלטע הייזער אין שטאט חרן, טרעף צען חילוקים צווישן ביידע בילדער





טַייעֶרֶע קִינְדֶער דִי וָואכְן וֶוען מִיר לֶערְנֶען פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קַיין חָרָן אוּן אִינְמִיטְן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ בַּאגֶעגְנְט מִיט דֶעם הֵיילִיגְן אָרְט 'הַר הַמּוֹרִיָּה' אוּן דָארְט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען.

וֶועלְן מִיר בְּרֶענְגֶען אַ וָוארְט וָואס ר' רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן ר' יִצְחָק. ר' נָתָן הָאט אִים אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: "אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן, אוּן מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אוֹיף צְדָקָה דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת!" הָאט ר' יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ אִיךְ גִיבּ צְדָקָה פַּאר מָרְדְכָי'לֶע דַארְף אִיךְ הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת?!" הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ הָאסְטוּ הִתְבּוֹדְדוּת - בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵּא [אַז דוּ שטיצט אַזַא נָאנְטֶער חַבֵר ווִי מָרְדְכָי'לֶע], אַז נִישְׁט - בִּין אִיךְ דִיר נִישְׁט מְקַנֵּא! ".

דֶער ר' מָרְדְּכַי אִיז גֶעוֶוען אַ זוּן פוּן ר' יַעֲקֹב פוּן טוּלְטְשִׁין מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'רֶבִּי מָרְדְּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה', וַוייל עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פֶעלְזְן פֶּעסְט מִיט ר' נָתָן קֶעגְן אַלֶע מִתְנַגְּדִים, דֶער ר' מָרְדְּכַי אִיז גֶעוֶוען אַזַא נָאנְטֶער חַבֵר צוּ ר' יִצְחָק אַזוֹי וַוייט אַז ר' יִצְחָק הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוֹיפְט פַאר זִיךְ נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט דָאס אוֹיךְ גֶעקוֹיפְט פַאר ר' מָרְדְּכַי.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ לָשׁוֹן פוּן ר' נָתָן וֶועגְן מְקַנֵּא זַיין. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט : "מְקַנֵּא בִּין אִיךְ נָאר מְקַנֵּא אַן עֶרְלִיכְן אִיד! וֶוער עֶר אִיז - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער וֶוער עֶר אִיז ,בִּין אִיךְ אִים מְקַנֵּא". אוּן דַאן הָאט זִיךְ ר' נָתָן אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אוּן גֶעזָאגְט: "נַחְמָן, בִּיסְטוּ דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד? בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵּא!".

אִין דֶעם 'אַנְדֶערְן־טָאג' פוּן 'שִׁבְעַת־יְמֵי־הַמִּשְׁתֶּה' – הָאבְּן זִיךְ דִי 'חָתָן־כַּלָּה' ווִידֶער דֶערְמַאנְט, אִין דֶעם אַנְדֶערְן 'בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'טוֹיבֶּער' – וָואס עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶה גֶעוֶוען, אוּן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט.

אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּענְקְט: "וִוי נֶעמְט מֶען דָא אַהֶער דֶעם 'טוֹיבְּן־בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְחַיֶה גֶעוֶוען".

דֶערְוַוייל, וִוי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִים – דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין, אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא" – אוּן אִיז אוֹיף זֵיי אַרוּמְגֶעפַאלְן, אוּן הָאט זֵיי גֶעקוּשְׁט.

אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ, אַז אִיר זָאלְט לֶעבְּן, אַזוֹי אַ 'חַיִּים־טוֹבִים' (כְּלוֹמַר: אַ גוּט לֶעבְּן), אַזוֹי־וִוי אִיךְ – וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶערְמִיט, הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ מַיין 'חַיִּים־טוֹבִים', בְּמַתָּנָה גְמוּרָה 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק'.

אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין 'טוֹיבּ', אִיךְ בִּין 'גָארְנִישְׁט־טוֹיבּ' – נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט אָן, אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶר 'חִסָּרוֹן'.

וָוארְן גָאר אַלֶע 'קוֹלוֹת' פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן 'חֶסְרוֹנוֹת' – וָוארְן אִיטְלֶעכֶער שְׁרַייט אוֹיף זַיין 'חִסָּרוֹן', דְהַיְינוּ: אוֹיף דֶעם וָואס סְ'גֵייט אִים אָפּ.

אוּן אֲפִילוּ אַלֶע 'שִׂמְחוֹת' פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן 'חֶסְרוֹנוֹת' – וָואס מְ'פְרֵיידְט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס סְ'אִיז אִים אָפְּגֶעגַאנְגֶען, אוּן הַיינְט הָאט עֶר דָאס וָואס סְ'אִיז אִים אָפְּגֶעגַאנְגֶען.

אוּן בַּיי מִיר טְרֶעפְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גָארְנִישְׁט אָן, אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶר 'חִסָּרוֹן' – וָוארְן אִיךְ לֶעבּ אַזוֹי אַ 'חַיִּים־טוֹבִים', וָואס סְ'הָאט גָאר קַיין שׁוּם 'חִסָּרוֹן' נִישְׁט. אוּן אִיךְ הָאבּ אַ 'הַסְכָּמָה' דֶערוֹיף, אַז אִיךְ לֶעבּ 'חַיִּים־טוֹבִים', פוּן דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת'" אוּן זַיין 'חַיִּים־טוֹבִים' אִיז גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן בְּרוֹיט, אוּן גֶעטְרוּנְקְן וַואסֶער. (הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט): בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] סְ'פַארְהַאנְדְן אַ מְדִינָה, וָואס אִין אִיר אִיז גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוֹצְרוֹת.

אַמָאל זֶענֶען זֵיי זִיךְ צוּם אוֹיפְגֶעקוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען] דִי עֲשִׁירִים – הָאט זִיךְ אִיטְלֶעכֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בַּארִימֶען מִיט זַיין 'חַיִּים־טוֹבִים', וִויאַזוֹי עֶר לֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים' – אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶעם סֵדֶר פוּן זַיין 'חַיִּים־טוֹבִים'.

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאבּ גֶעזָאגְט צוּ זֵיי (דְהַיְינוּ דֶער 'טוֹיבֶּער־בֶּעטְלֶער' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ): "אִיךְ לֶעבּ 'חַיִּים־טוֹבִים', בֶּעסֶערֶע פוּן אַייךְ – וְהָא־רַאְיָה, וָוארְן אַז אִיר לֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים', הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה".

וָוארְן סְ'פַארְהַאנְדְן אַ מְדִינָה, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ 'גָארְטְן' – אוּן אִין דֶעם 'גָארְטְן', אִיז גֶעוֶוען 'פֵּירוֹת', וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי 'טַעֲמִים' וָואס אִין דֶער וֶועלְט – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי 'רֵיחוֹת' וָואס אִין דֶער וֶועלְט – אוּן סְ'דָארְט גֶעוֶוען אִין דֶעם גָארְטְן, אַלֶע עֶרְלֵיי 'מַרְאוֹת' – וָואסְפַארַא 'פַארְבּ', אוּן אַלֶע 'קְוִויַאטְן' [בְּלוּמֶען] וָואס אִין דֶער וֶועלְט, אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דָארְט אִין דֶעם גָארְטְן.

אוּן סְ'גֶעוֶוען אִיבֶּער דֶעם 'גָארְטְן', אַ 'אַגְרָאדְנִיק' [גֶערְטְנֶער], (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס עֶר זֶעהְט צוּ, דֶעם [קוּקְט זִיךְ אוּם אוֹיפְן] גָארְטְן). פְלֶעגְט דִי מְדִינָה צוּ לֶעבְּן 'חַיִּים־טוֹבִים' דוּרְךְ דֶעם 'גָארְטְן'.

אִיז דָארְט דֶער 'אַגְרָאדְנִיק' פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן

– מֵילָא וָואס ס'אִיז דָארְט דָא אִין דֶעם 'גָארְטְן', מוּז בְּוַודַאי שׁוֹין גָאר צוּנִישְׁט [פַארְלֶענְדט] ווערְן – וָוארְן ס'אִיז זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דָא דֶער 'אַגְרָאדְנִיק', וָואס עֶר זָאל דֶעם 'גָארְטְן' צוּזֶעהְן [אוּמְקוּקְן], אוּן זָאל זִיךְ פָּארְן אַרוּם אִים, וָואס מְ'בַּאדַארְף אַרוּם דֶעם 'גָארְטְן' צוּ טוּהְן.

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] זֵיי וָואלְטְן נָאךְ גֶעקֶענְט לֶעבְּן, פוּן דִי סְפִיחִים פוּן דֶעם 'גָארְטְן' (דְהַיְינוּ: פוּן דֶער ווידֶערְוַואקְסוּנְג – דְהַיְינוּ: דָאס וָואס ס'וַואקְסְט אִין אַ גָארְטְן אַלֵיין, פוּן דֶעם וָואס ס'פַאלְט אַרָאפּ).

אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ 'מֶלֶךְ־אַכְזָר' (כְּלוֹמַר: אַ אוּמְדֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער) אוֹיף דֶער מְדִינָה – אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' [אַכְזָר] הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טָאן. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זֵיי קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דִי 'חַיִּים־טוֹבִים' פוּן דֶער מְדִינָה, וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן דֶעם 'גָארְטְן'.

אוּן נִישְׁט עֶר הָאט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם 'גָארְטְן' – נָאר עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִין דֶער מְדִינָה, 'דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט' – אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט: "אַז זֵיי זָאלְן טָאן, דָאס וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן".

אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעטָאן, דָאס וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן – דוּרְכְדֶעם הָאבְּן זֵיי קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם 'טַעַם' – וָוארְן דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעטָאן – דוּרְכְדֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט: אַז וֶוער ס'וֶועט וֶועלְן פִּילְן אַ 'טַעַם', זָאל דָאס הָאבְּן אַ 'טַעַם' פוּן 'נְבֵילָה'.

אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דֶעם 'רֵיחַ', אַז אַלֶע 'רֵיחוֹת' זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיחַ פוּן 'חֶלְבְּנָה'.

אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דִי 'מַרְאֶה' – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט, אַז ס'זָאל זַיין טוּנְקְל אִין דִי אוֹיגְן, אַזוֹי־ווִי ס'אִיז אַז ס'וָואלְקְנְדִיג [ס'פַּארְוָואלְקְנְט].

(דָאס הָאבְּן דִי 'דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט', אַלֶץ אָנְגֶעאַרְבֶּעט אִין דֶער מְדִינָה, דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעטָאן, וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן, כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]). "הַיְינְט אַז אִיר לֶעבְּט 'חַיִּים־טוֹבִים', הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה".

(אַזוֹי זָאגְט אַלֶץ דֶער 'טוֹיבֶּער־בֶּעטְלֶער', צוּ דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּארִימְט, אַז זֵיי לֶעבְּן 'חַיִּים־טוֹבִים', כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ: "אַז [אוֹיבּ] אִיר וֶועט זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן, וֶועט עֶס אַייךְ אוֹיךְ שַׁאטְן" (דְהַיְינוּ: דָאס וָואס בַּיי דֶער מְדִינָה אִיז קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, דִי 'מַרְאֶה', אוּן דֶער 'טַעַם', אוּן דֶער 'רֵיחַ' – דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיךְ דֶערְלַאנְגְן).

הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲשִׁירִים הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה – אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען. אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעלֶעבְּט אִיטְלֶעכֶער, זַיין 'חַיִּים־טוֹבִים' – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אוֹצְרוֹת, כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ דֶער מְדִינָה – הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי זֵיי אוֹיךְ קַאלְיֶע צוּ וֶוערְן, דֶער 'טַעַם', אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן. הָאבְּן זֵיי דֶערְפִּילְט, אַז ס'אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן.

הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "מַאדָאךְ הַיינְט, אַז אִיר זֶענְט נָאךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער מְדִינָה – אִיז שׁוֹין בַּיי אַייךְ קַאלְיֶע גֶעוָוארְן דֶער 'טַעַם', אוּן דִי 'מַרְאֶה', אוּן דֶער 'רֵיחַ' – ווִי וֶועט שׁוֹין זַיין, אַז אִיר וֶועט אַהִין אַרַיינְגֵיין – אוּן מִכָּל־שֶׁכֵּן ווִי קֶענְט אִיר זֵיי נָאךְ הֶעלְפְן"?

הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען מַיין בְּרוֹיט אוּן מַיין וַואסֶער, אוּן הָאבּ זֵיי גֶעגֶעבְּן – הָאבְּן זֵיי גֶעפִּילְט אִין מַיין בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער, אַלֶע 'טְעָמִים' (אוּן אַלֶע 'רֵיחוֹת' וְכוּ') – אוּן ס'אִיז בַּיי זֵיי פַארְרֶעכְט גֶעוָוארְן, וָואס ס'אִיז בַּיי זֵיי קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, (דְהַיְינוּ: דֶער 'טַעַם', אוּן דִי 'מַרְאֶה', אוּן דֶער 'רֵיחַ').

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (5)

**א. וואס איז געווען דער גוטער לעבן פון דעם טויבן בעטלער?**
- ☐ ער איז אסאך ארום געפארן
- ☐ ער האט געגעסן ברויט און געטרינקען וואסער
- ☐ ער האט געגעסן אלע מיני מטעמים

**ב. בהמשך המעשה: וואס האט פאסירט צו די עשירים ווען די האבן גענומען ברויט און וואסער פון דעם בעטלער?**
- ☐ זיי האבן געפילט אין דעם אלע טעמים און אלע ריחות
- ☐ עס האט פאראכטן זייער מראה טעם וריח
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. מיט וואס האבן זיך בארימט די עשירים וואס דער טויבער בעטלער האט פון זיי א הסכמה?**
- ☐ מיט זייער עשירות
- ☐ מיט זייער אריכות ימים
- ☐ מיט זייער חיים טובים

**ד. וואס איז געווען אין דעם גארטן וואס דער בעטלער דערציילט זיי פון דעם?**
- ☐ פירות וואס האבן אלע טעמים וואס ס'איז דא אין דער וועלט
- ☐ אלע מיני ריחות און אלע מיני מראות פון דער וועלט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט די מדינה געהאט דורך דעם גארטן?**
- ☐ אריכות ימים
- ☐ חיים טובים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער מלך אכזר געטון?**
- ☐ כליא געמאכט דעם גארטן
- ☐ כליא געמאכט זייער חיים טובים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט פאסירט צו די עשירים ווען זיי זענען געקומען נאנט צו די מדינה פון דעם גארטן?**
- ☐ זיי האבן אוועק געווארפן זייער געלד
- ☐ ס'איז ביי זיי כליא געווארן די טעם
- ☐ זיי האבן אנגעהויבן צו שרייען

ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



## טיפער געטראכט

ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם טויבן בעטלער ?

וואו נאך ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א "גארטן" ?

וואו נאך ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות פון א רייכע מדינה?

און מיט וועמען זענען געגאנגען די עשירים ביי די מעשה ? - און מיט וועמען זענען געגאנגען די עשירים ביי די אנדערע מעשיות ?

**תשובות אויף פאריגע וואך**

ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בלינדן בעטלער ? ליל שבת קודש כ"ה אדר תק"ע (ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 4 איז**
**הילד החשוב ישראל מייער, מאנטשעסטער**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

בַּאנְדִיטְן און שְׁרֶעקְעדִיגֶע חֶבְרֶה זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים אַרוֹיסְגַאנְג פוּן לַאנְד. אִין זֵייעֶרע הֶענְט שְׁלֶעפְּן זֵיי שְׁטֶעקֶענֶעס און הֶעק, פֵּיילְן און שְׁטֵיינֶער. פוּן זֵייעֶרע פֶּנִימֶ'ער שְׁטַארְן אַרוֹיס פַּיינְטְשַׁאפְט מִיט רְצִיחָה.

זֵיי הַאלְטְן אָפּ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן אַרִיבֶּערְגֵיין, וַוייל יֶעדֶער הָאט מוֹרָא פוּן זֵיי.

פְּלוּצְלוּנְג שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף אַ חֶבְרֶה פוּן שְׁטַארְקֶע גִבּוֹרִים מִיטְן פוּלְן עַזוּת און זִיכֶערְקַייט און רוּפְן אוֹיס מִיט קְלוּגְשַׁאפְט:

"מִיר הָאבְן נִישְׁט פוּן וָואס צוּ מוֹרָא הָאבְן! מִיר הָאבְן נִישְׁט קַיין פַּחַד! מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן פַאל טְרָאץ דִי שְׁוֶועֶרע אוּמְשְׁטֶענְדְן! מִיר וֶועלְן גֵיין אוֹיפְן גֶעוֶוענְלִיכְן וֶועג וִוי אַלֶעמָאל אֲפִילוּ דִי חֶבְרֶה שְׁטֵייעֶן דָארְט. מִיר מַאכְן זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן, מִיר שְׁפַּאצִירְן אַרַיין צְוִוישְׁן זֵיי אָן זָארְג.

בַּיים אַרִיבֶּערְגֵיין צְוִוישְׁן זֵיי וֶועלְן מִיר אִין יֶעדְנְפַאל זֵיי שְׁטוּפְּן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אָפְּשְׁוַואכְן זֵייעֶר כֹּחַ און זֵיי שֶׁעדִיגְן וָואס מֶער. וַוייל דָאס שְׁטַארְקֵייט

## גבור מלחמה

אַלֵיינְס פוּן אוּנְזֶער זַייט וֶועט צוּבְּרֶעכְנְגֶען אַז מִיר וֶועלְן זֵיי אוּנְטֶערְהַאקְן הֶענְט און פִיס און זֵיי וֶועלְן זֵיי פַאלְן צוּ דֶער עֶרְד.

נָאר אַזוֹי שְׁוַואכְט מֶען זֵיי אָפּ און זֵיי וֶוערְן אַנְטְרִינֶען און דָאס אַלֵיין אִיז שׁוֹין אוּנְזֶער גֶעוִוינְס און הַצְלָחָה, וַוייל בַּיים אַרִיבֶּערְגֵיין צְוִוישְׁן זֵיי שְׁוַואכְט מֶען זֵיי אָפּ אָן מֶען נֶעמְט אִיבֶּער קָאנְטְרָאל מִיט נִצָּחוֹן...



פוּן דֶער מָשָׁל לֶערְנֶען מִיר אַ גְרוֹיסְן חִזּוּק אִיבֶּער עִנְיָן פוּן אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דְרִינְגֶען אַרַיין אִין מֹחַ בַּיים דַאוֶונֶען.

לֶעזֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ קוּמֶען פְרִי צוּם דַאוֶונֶען, אַ שְׁנֶעלֶע טוּנְק אִין מִקְוֶה, עֶר שְׁטֵייט מִיטְן סִדּוּר גְרֵייט און דַאוְנְט מִיט אַ קוֹל און כַּוָונָה. נָאר בַּיים זָאגְן דִי בְּרָכוֹת זֶענֶען זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען גֶעפְלוֹיגְן וִוי אַ פְלִיגֶער, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁווִימֶען אִין מַחֲשָׁבוֹת פוּן נֶעכְטְן און מָארְגְן מִיט דִמְיוֹנוֹת לָרוֹב, עֶר פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען.

אִינְמִיטְן כַאפְּט עֶר זִיךְ אַז עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, לֶעזֶער שְׁטַארְקְט זִיךְ און דַאוְנְט וַוייטֶער מִיט קוֹל און כַּוָונָה, אָבֶּער דָאס פַּאסִירְט

המשך אויף זייט 3

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר רפאל קנעפלער הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעול תורה ומצות

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר ישראל פריעד הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב לע"נ
הרב החסיד רבי שמעון
ב"ר שמואל שפירא זצ"ל